געשיכטע און טאָפּאָגראַפיק

פנחס לאנדאו (ישראל)

## דערקלערונג צו דער צייכענונג פון שטעטל טישעוויץ

דאָס איז די צייכענונג פון טישעוויץ לויט ווי איך געדענק עס פון יאָר 1933, ווען כ'האָב טישעוויץ פאַרלאָזן, כדי עולה צו זיין קיין ישראל. ווי עס ווייזט די צייכענונג איז טישעוויץ געווען אַן אינדזל, אַרומגערינגלט מיטן טייך „הוטשווע", וואָס האָט געפלאָסן נישט אין קיין גלייכער ליניע, פון נומער 1 דורך די נומערן 2-3-4-5 קיין הרוביעשאָוו, ביזן טייך בוג. דער טייל טייך פון נומער 2 ביז 7 איז געגראָבן געוואָרן דאַמאָלסט, ווען מ'האָט געמאַכט די ערשטע וואַסער-מיל. ביי דער בריק, אויפן וועג צו די „קלענטוועס", האָט מען דאַמאָלסט געמאַכט אַ ראַמפּע. צוליב דעם האָט מען די בריק גערופן די „שליזשע". דאָס וואַסער צו דער מיל איז געקומען פון נומער 2 און זיך צוריק באַהעפט מיטן נאַטירלעכן טייך ביים נומער 7.

דער טייל טייך, פון נומער 3 ביזן נומער 9, איז געגראָבן געוואָרן דורך די פויערים פון דער „פּאַרשטאָט". צוליב דעם האָט מען געמוזט בויען די בריק (נומער 8) וועלכע מ'האָט גערופן די „לאַנגע בריק".

די בריק האָבן די נאַציס, ימח שמם, אינעם לעצטן וועלט-קריג פאַרשאָטן מיט יידישע אַרבעטס-הענט, אַזוי אַז דער טייל טייך, פון נומער 3 ביז 9, ווי אויך די לאַנגע בריק עקזיסטירן נישט מער.

כ'האָב אַמאָל געהערט פון די „זקני" טישעוויץ, אַז דער נאָמען „טישעוויץ" שטאַמט פון די פּוילישע ווערטער „טו-שעווצע" ד.ה. „דאָ זיינען שוסטערס". דער פּוילישער אויסלייג איז — טישאָווצע אָדער טישאָוויעץ, יידן האָבן עס אַרויסגערעדט: טישיוויץ, טישעוויץ.

ס'איז נישט קיין גוזמא אויך צו זאָגן, אַז 40% פון דער פויערישער באַפעלקערונג אין טישעוויץ האָבן געמאַכט — אָדער געקענט מאַכן „שטיוול". דאָס איז געווען אַזאַ ספּעציעלער שטיוול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָר אין טישעוויץ. דערפאַר האָט מען די שטיוול גערופן מיטן נאָמען „טישאַוואָנעס". געווען איז עס גענייט (האַנט-אַרבעט) נאָר פון ווייכע לעדער, אפילו אויך די זוילן. זיי פלעגן געמאַכט ווערן אויף דער לינקער זייט פון לעדער און נאָכן פאַרענדיקן האָט מען זיי איבערגעדרייט אויף דער ריכטיקער זייט.

די צורה פון דעם שטיוול איז געווען דעפאָרמירט, קיין אונטערשיד פון רעכטן אָדער לינקן שטיוול. ווי געזאָגט, האָט יעדער פויער געקענט מאַכן אַזעלכע שטיוול און אין ווינטער-צייט ווען ס'איז נישטאָ קיין פעלד-אַרבעט פלעגן זיי די שטיוול מאַכן פאַר דער

אייגענער באַדערפעניש און אויך צום באַרקויפן. די שטיוול פלעגן זייער אַ סך פאַרקויפט ווערן, איבערהויפט אין ווינטער צייט, אין דער לובלינער גובערניע צו וועלכער טישעוויץ האָט געהערט, און אויך אויף דער צווייטער זייט פונעם בוג, אין וואָלינער געגנט. פאַרן ערשטן וועלט־קריג פלעגן די שטיוול אויך עקספּאָרטירט ווערן קיין רוסלאַנד.

דוד שטאָקפּיש (ישראל)

# טישעוויץ — אויפגאַנג און אונטערגאַנג פון אַ ייִדישן ישוב אין פּוילן

### .1

אין דער היסטאָרישער אַרבעט פון מגר. אליעזר פעלדמאַן „די עלטסטע ידיעות וועגן ייִדן אין פּוילישע שטעט אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט", ווערט דאָס יאָר 1538 אָנגעגעבן אַלס אָפיציעלע און פריסטע דאַטע פון גרינדן טישעוויץ. פאַר די העכער 400 יאָר עקזיסטענץ, האָט דער דאָזיקער ישוב דורכגעמאַכט אַ סך אומוואַנדלונגען און אַנטוויקלונגען פון זעלטענעם באַרג־אַרויף און אָפט זיך איבערחזרנדיקער ירידה צוליב מלחמות, מגיפות און אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדענונגען פון צענטראַלע און לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען. נאָר צוויי וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן פון ייִדישן און אַלגע־מיינעם כאַראַקטער האָבן באַרימט געמאַכט די דאָזיקע קליינע אָרטשאַפט:

די טישעוויצער תקנה, אָנגענומען אויפן ועד חמש ארצות אין חול המועד פסח שנת גשם לפ"ק (1583).

די פּוילישע קאָנפעדעראַציע קעגן די שוועדן אין יאָר 1655.

אַ סברה, אַז די צוויי וויכטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען, פאַרבונדן מיטן נאָמען פון אַזאַ קליינעם ישוב, האָבן גורם געווען דערצו אַז אין די פאַרשידענע היסטאָרישע מקורות, לעקסיקאָנען, ענציקלאָפּעדיעס און אַנדערע ספרים זאָל טישעוויץ דערמאָנט ווערן, מיט אַ שפע מאַטעריאַלן, פאַקטן און ציפערן, אייך טייל ערטער, בעת אין אַנדערע מקורות ווערט דערציילט וועגן שטעטל אין 2—3 שורות. נאָכן אויפזוכן און באַקענען זיך מיט די אַלע קוואַלן, איז געלונגען צונויפצושטעלן אַ בילד בנוגע דער געשיכטע, אַנטוויקלונג און ירידה פון טישעוויץ.

### .2

אַזוי ווערט דאָס שטעטל דערמאָנט אין דער „יעווריסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ", אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון ד"ר ל. קאַצענעלסאָן, באַנד 15, דערשינען אין ס. פעטערבורג, אין די יאָרן 13—1908; אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע" פון



ס. אָרגעלבראַנד, וואַרשע, 68־1859, 25סטער באַנד; אין דעם „געאָגראַפישן ווערטער־בוך פון פּוילישן קיניגרייך און אַנדערע סלאַווישע לענדער" — וואַרשע, 1902—1880, 12טער באַנד; אין דער צוויי־בענדיקער אויסגאַבע „פּוילישע שטעט אין טויזנט יאָר" („מיאַסטאַ פּאָלסקיע וו טישאָנצלעטשו"), דערשינען אין יאָר 1965 אין פאַרלאַג פון נאַציאָנאַלן אינסטיטוט א. נ. פון די אָסאָלינסקיך (וואָצלאַוו־וואַרשע־קראָקע); אין דעם „ענציקלאָפּעדיטשעסקי סלאָוואַר", באַנד 34, ס. פעטערבורג, 1902. אַרויסגעבערס: פ. א. בראָקהאוז, לייפּציג, י. א. עפראָן, פעטערבורג; „היסטאָרישע פאַקטן לויט שאלות און תשובות" (היסטאָרישע שריפטן, באַנד 1); פנקס ועד ארבע ארצות; אין „שאלות הב"ח ומהר"ם מלובלין"; אין „בלעטער פאַר געשיכטע", העפט 1—2, באַנד 3, יאַנואַר־יוני 1950, אויסגאַבע פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע; אין דעם „ווערטערבוך פון טוריסטישער געאָגראַפיע פון פּוילן" („סלאָווניק געאָגראַפיִי טוריס־טיטשנעי פּאָלסקי", וואַרשע 1956) און אַנדערע מקורות.

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז טישעוויץ פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין נאָך אַ סך אַנדערע ספרים, אָבער צום באַדויערן איז נישט געלונגען אומעטום צוצוקומען. דעריבער מוזן מיר זיך באַגנוגענען מיטן פאַראַנענעם און דערגרייכטן. לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט זיין גענוג אויף צו באַקענען זיך מיטן געשיכטלעכן וועג פון אַ ייִדישן ישוב אין פּוילן — פון זיין אַנטשטייונג ביזן טראַגישן אומקום — אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

### .3

און איצט — צו די מקורות:*

טישעוויץ, אַ שטאָטישער ישוב, פריער אַ שטעטל אויפן רעכטן ברעג פון טייך הוטשווע, (האָטשעוו), טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט, גמינע און פּאַראַפיע. טישעוויץ ליגט 28 וויאָרסט ווייט צפון־מזרחדיק פון טאָמאַשאָוו, 115 וויאָרסט פון לובלין, 21 וויאָרסט פונעם שאָסיי פון לובלין קיין זאַמאָשטש און טאָמאַשאָוו, פאַראייניקט דורכן טראַקט מיט הרוביעשאָוו. אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג פון דער הוטשווע ליגט דאָס דאָרף פּאָדבור. די פאָרשטעט פון טישעוויץ דעמבינע און זאַמליניע. אַ וואַלדיקע געגנט.

דער ישוב באַזיצט 3 צערקוועס, אַ קאַטוילישן פאַראַפּיע־קלויסטער, אַ סינאַגאָגע, אַ שול, אַ בית־המדרש, אַ 2־קלאַסיקע אָנפאַנג־שול, אַ גמינע־אַמט מיט אַן אָפּשפּאָר־און־לייַ־קאַסע, אַ פּאָסט־סטאַציע, אַן אַפּטייק, 43 געוועלבער, 5 יאָרמערק, 465 הייזער (הויפּטזאַכלעך הילצערנע), 4250 איינוווינער (1930 ייִדן, די אַנדערע — פּראַוואָסלאַווע און קאַטאָליקן אין גלייכע צאָלן).

צו די איינוווינער געהערן 2617 מאָרג ערד. די באַפעלקערונג באַשעפטיקט זיך

* אַ טייל פון זיי געזאַמלט דורך וו. בערנשטיין ז"ל אין ניו־יאָרק און ג. זיפער יבל"ח אין מאָנטרעאַל.

מיט לאַנדווירטשאַפט, שוסטעריי און אויסאַרבעטונג פון פעלצן, וואָס ווערן פאַרקויפט אויף די אַרטיקע יאַרידן. די גיטער פון טישעוויץ (אייגנטימער: יוזעף גלאָגאָווסקי) זיינען אין יאָר 1836 באַשטאַנען פונעם ישוב טישעוויץ, פאָלוואַרקן קלאָנטווי, מיקולין און פשעוואלע.

אויף דער הוטשווע שטייט אַ מיל ביי אַ סטאַוו, מיט אַן אָנשיט „זאַמטשיסקאָ". די הויפט־צערקווע פון דער פּאַראַפיע איז אַ הילצערנע, אומבאַקאַנט ווען מ'האָט זי אויפגעשטעלט, באַשטעטיקט אין יאָר 1760 דורך אַוגוסט דעם דריטן. צו איר געהערן צוויי פיליאַלע הילצערנע צערקווע אויף די פאָרשטעט דעמבין און זאַמליניע. דער קאַטוילישער פאַראַפיע־קלויסטער א. נ. פון הייליקן לעאָנאַרד איז אַ געמויערטער, אויפגעשטעלט אין יאָר 1870 אויפן חשבון פון די גלויביקע. די פאַראַפיע און דער קלויסטער האָבן עקזיסטירט שוין אין 16טן יאָרהונדערט. די גענויע דאַטע פון זיין אויפשטעלן — איז אומבאַוווסט. ס'איז אויך נישט באַוווסט דער אָנהייב פון שטאָט.

דער מאַזאָוויעצקער פירשט וולאַדיסלאַוו וועלנדיק דערהייבן די געפאַלענע שטאָט, גיט איר אין יאָר 1453 אַ פרייען אויסהאַק אין די פירשטלעכע וועלדער, פישפאַנג אין דער הוטשווע, די לאָנקע וועלכע מ'האָט גערופן שעדלעץ און שאַפט אָפּ די „אַדומאַרש־טשיזנע" ווען דער ישוב ווערט אין יאָר 1502 חרוב פון די טאָטערן, האָט אַלעקסאַנדער יאַגעללאָנטשיק אים באַפרייט פון שטייערן אויף 10 יאָר. די ליגענזס, וועלכע האָבן פאַרוואַלטעט מיט דער סטאַראָסטווע, האָבן געוואָלט, אַ סברה, צונעמען ביי די בירגער די שטאָטישע רעכט און זיי פאַרוואַנדלען אין פויערים. ערשט אין יאָר 1555 האָט זיגמונט אַוגוסט געמאַכט דערצו אַ סוף. צוטיילנדיק דער שטאָט די רעכט וועלכע ס'האָבן געהאָט אַנדערע שטעט, דערלויבנדיק דאָרט צו באַזעצן זיך יידן אין יאָר 1566 און איינשטעלנדיק יאָרמערק און יאַרידן אין יאָר 1569.

די לוסטראַציע פון יאָר 1571 האָט אין טישעוויץ געוויזן 218 שטאָטישע הייזער, עטלעכע הייזער וואָס האָבן געהערט צו די אדל־לייט און פירשטן, 27 בעקערס און פיל האַנטווערקער.

### 4.

דאָס באַשיידענע שטעטל איז באַרימט געוואָרן אַדאַנק אַ וויכטיקער היסטאָרישער געשעעניש. אין יאָר 1655, דעם 29סטן דעצעמבער, איז דאָ אַנטשטאַנען די קאָנפעדע־ראַציע קעגן די שוועדן, וועלכע האָבן אונטער דער אָנפירונג פונעם אַוואַנטוריסטישן קאַראָל גוסטאַוו פאַרנומען, כמעט אָן אַ ווידערשטאַנד, דאָס גאַנצע לאַנד אין פאַרלויף פון קוים 3 חדשים, מיט אַן אַרמיי פון 17,000 זעלנער. דאָס פאַרטיידיקן טשענסטאָכאָוו האָט אַרויסגערופן די רעאַקציע. דער גרויסער העטמאַן פאָטאָצקי און דער פעלד־העטמאַן סטאַניסלאַוו לאַנצקאָראָנסקי, פאַרלאָזן דעם לאַגער פונעם שוועדישן גענעראַל דוגלאַס, פירן אַוועק דאָס מיליטער הינטער טישעוויץ און פראָקלאַמירן דאָרט די קאָנפעדעראַציע, וועלכע האָט פאַר אַ ציל צו באַזייטיקן די שוועדן פון פוילן. אויסער די צוויי העטמאַנס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַלס קאָמיסאַרן פון דער אַרמיי:



קשישטאָף טישקעוויטש — טשערניגאָווער וואָיעוואָדע, יענדזשעי פאָטאָצקי — קיניג־לעכער באַאַמטער, יאַצעק שעמבערק — באָגוסלאַווער סטאַראָסטע, סטאַניסלאַוו דאָמאַ־שעווסקי, וואצלאַוו לאַנצקאָראָנסקי — פאָלקאָווניק און סאמאָווסקי. די וואָיעוואָדשאַפטן, אין דער מאָס פון זייער צושטיין צו דער קאָנפעדעראַציע, האָבן באַדאַרפט אויסקלויבן צו איין קאָמיסאַר. די אידעע אין וועמענס נאָמען די קאָנפעדעראַציע איז אַנטשטאַנען, האָט אַרויסגערופן אומגעווינלעכע דערהייבונג פון געפילן כמעט צווישן אַלע שיכטן פון פאָלק. די שבועה, אָפּגעגעבן אין לעמבערג (לוואָוו) דורך יאַן קאַזשימיעזש (1טער אַפריל 1656), איז געווען דער בולטסטער אויסדרוק פון דער דאָזיקער שטימונג. די שוועדן וועלן מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד וואָס זיי האָבן אַזוי לייכט און שנעל פאַרנומען.

די מלחמה־מפּלות האָבן דערפירט צו דער ירידה פונעם ישוב. די לוסטראַציע אין יאָר 1665 האָט געטראָפן טישעוויץ אַ חרובע. אין יאָר 1765, נאָך עטלעכע שריפות, איז דאָס שטעטל פול געווען מיט חורבות. אין יאָר 1827 האָט טישעוויץ געציילט 391 הייזער און 1977 איינוווינער.

די נישט שטאָטישע טישעוויצער סטאַראָסטע האָט זיך געפונען אין בעלזשצער וואָיעוואָדסטווע, גראַבאָוויעצקער פאָוויאַט. לויט דער לוסטראַציע אין יאָר 1628 איז די סטאַראָסטווע באַשטאַנען פון דער שטאָט טישעוויץ און די דערפער מיקולין, פשעוואַלאַ, פערעספע און דערבייאיקע ערטער, וואָס איז אויפן סיים אין יאָר 1768 פאַרביטן געוואָרן אויף דער הערמאַנאָווסקער סטאַראָסטווע. פון דעמאָלט אָן האָט אויפגעהערט עקזיסטירן די טישעווצער סטאַראָסטווע.

### 5.

אין די „שאלות ותשובות" געפינען מיר אייניקע ענטפערס, אין וועלכע עס ווערן דערמאָנט די טישעוויצער תקנות (מיר ברענגען זיי אין אָריגינעלן אויסלייג):

### שנת שמ"ג

ב. „מן זאל קיין רב או ראשים או טובים או קהל יצ"ו או שאר מנויים שבעולם קלויבן נייארט ברחוב היהודים, דהיינו, אז דיא ממונים כנ"ל זאלין ממונה זיין במוסכם ראשים וטובים וקהל יצ"ו וכפי דת תורתינו, אַז מיר אויך קיומים האָבן פון מלכים אונ' פון אלין שרים ומושלים אונ' אויך אז מיר מושבע זיין ועומד זיין מהר סיני. אונ' דיא זעלבע שבועה האבן מיר אינצודרס ווידר מחדש גיוועזין.

אוב איין יחיד או רבים ח"ו וואלטין אויס פלין אונ' וואלטין דיא שררה יר"ה אונטר ריכטן, דאז דא ווער ווידר דת תורתינו ושבועתינו וקיומים שלנו, הן בעצמם או על ידי שלוחם, הן על ידי יהודים הן על ידי ערלים, דא זאל דער זעלביג עוברין או עברײנים זיין, אונ' האבן אלי עונשים וחרמות ותומרות, אז גימכט איז בתקנות חמש ארצות בק"ק טישוויץ בחוה"מ פסח שנת גשם לפ"ק, כמבואר בתקנה דיא דא ליגט בפנקס — — בק"ק לובלין השייך לחמש ארצות, ווא אלי תקנות איין געשריבן. ושם נאמר: דאם יעשה אדם איזה פעולה חדשה אצל השררה, הן יחיד או רבים, הן איש

או אשה, שיעשי השרים או המלך יר״ה בעניני מינויים של הקהלה אשר יהיה שלא כדת, וגם ירצו להשתדל אצל המלך הן בעניני רבנות או כל שאר מינויים[2] הנזכרים בתקנה זו, או שירצו לעשות להם איזה הכנסה בתוך הקהלה, או שירצו להשתדל לפטור א״ע ממסים שלא ליתן חלקם בתוך הקהלה, או שירצו לעשות דבר מה שיהיה נגד קיומים שלנו ונגד הקהל יצ״ו מכל מה שהפה יוכל לדבר והלב לחשיב, — אז יהי׳ האיש ההוא או האשה, יחיד או רבים, בכל מיני עונשין וחרמות וחומרות המיזכרים בתקנות טישוויץ הנ״ל. ואפילו. מי שיהיה ממונה באופן הנ״ל ויתנצל לאמר: הדבר נעשה בעל כרחי או שלא בידיעתי או באונס גם הוא מחוייב להחזיק כפי התקנה של טישוויץ הנ״ל״.

ג. „ואם רב מעיר אחרת או הרבה רבנים ביחד או רבים יכתבו לכאן איזה חרם הן על עסק יחיד הן על עסק רבים מבני קהלתנו יצ״ו, מחוייב ב הרבנים מפה (קראקא) ורו״ט וקהל יצ״ו לומר: „אדרבה״, ויטילו הם חרם על אותו יחיד או רבים כפי התקנה הנעשית בטישוויץ בענין זה״.

ד. „ווען איינר ח״ו נפטר ווערט אונ׳ לאזט יורשי׳ קטנים אונ׳ ער העט בחייו קיין אפוטרופסים ממנה גיוועזין, דא זאלין רבנים ורו״ט ממנה זיין אפוטרופסים; דארף קהל יצ״ו דז געלט, דא זאלין זיא ריבית געבן כנ״ל אונ׳ דיא אפוטרופסים זאלין אלי ב׳ שנים חשבון געבין (מקבל זיין). זונש הוט נימנץ נישט צו דען אפוטרופסים בעולם, כתקנת שלש ארצות בק״ק טישוויץ״.

ה. „אוב זיך איינר וואלט אויש ריכטן אפוטרופסות ע״י גוים[2], דא זול מן זיך קיגן איהם הלטן כפי התקנה בכל אופן ועונשים, דיא דא שטיין אין דער תקנה של טישוויץ, הן ער וויל מבטל זיין אפוטרופסים דיא אביהם של יתומים האָבן ממנה גיוועזין, הן דאש ב״ד הנ״ל האבן זיא ממנה גיוועזין, דער זאל זיין בכל עונש התקנה הנ״ל אונ׳ רו״ט אונ׳ כל הקהל יצ״ו זיין מחויב אים אנקיגן צו גין, אז דאז ניט צו גישטטן איז בכל אופן כלל״.

ו. „שדכנות דרפן דיא משודכי׳ ניט מין צו געבן אז איין שדכנות כנ״ל, ווען שון מין אז איין שדכן איז, אינ׳ ווער דיא רעכטן דין ובורר כפי התקנה הנעשית בטישוויץ, ומהעשיריות לפי ערך המאות כנ״ל״.

ז. „שכירות שדכנות כנזכר לקמן אצל חתונות וכפי התקנות הארצות יצ״ו. שכירות סרסרות מכל מאה חצי זהב מכל צד וצד. ווען איין סרסרות איז אונטר חמשים זהו׳ זול מן געבן מן שני זהו׳ איין חצי גדול. מצוביל וריס וביבר טובים ואבנים טובים ומרגליות ומלבושים מכל מאה איין טאליר מכל צד וצד. וכן סרסרות מבתים. ומכל עשיריות לפי ערך המאה. וכל דין סרסרות במתחיל וגומר זול זיין כדי שדכנות כנזכר בתקנות טישוויץ״.

.6

...דאָס אויסליידיקן זיך פון טישעוויץ, האָט געצוווּנגען דעם קעניג אַרויסצוגעבן אין יאָר 1565 די פאָלגנדיקע פּריווילעגיע:

שטרעבנדיק דערצו, אַז די שטאָט זאָל דורך אַ גרעסערער צאָל איינוווינער דערגיין יעדן טאָג צו אַ בעסערער לאַגע, דערלויבן מיר די יידן סיי אינערהאַלב דער שטאָט ווי אויסער איר, צו באַזיצן הייזער, גערטנער און באָדן, קויפן און פאַרקויפן פאַרשידענע סחורות אויף דער מאָס און וואָג: ביר, מעד און בראָנפן אויסאַרבעטן און זיי פאַרקויפן, פאַרנעמען זיך מיט שחיטה און פאַרקויף פון פלייש און באַזאַמען מיט די שטאָטלייט



געניסן פון דער פרייהייט גלייך מיט זיי און אויך טראָגן די לאַסט. מיר פאַרווערן אָבער, אַז צו פאַרנעמען שטאָטישע אמטן זאָלן זיי קיינמאָל נישט ווערן צוגעלאָזט. כדי אָבער די יידן זאָלן אין מסחר נישט האָבן קיין שטערונגען, ווערן דורכגעפירט יאַרידן, לויט דער טראַדיציע, יעדן דינסטיק, וואָס אויב זייער טאָג זאָל אַמאָל דאַרפן פאַרטוישט ווערן, זאָל עס קיינמאָל נישט באַשטימט ווערן אויף שבת.

אויפן סמך פון אַ פּריווילעגיע פון זיגמונט אַוגוסט, האָבן אין טישעוויץ נישט געטאָרט וווינען מערער פון 16 יידן. אין יאָר 1571 האָט די לוסטראַציע אין שטאָט געוויזן: „יידן אין טישעוויץ זיינען דעמאָלט פאַראַן 31, ווייל אין יאָר 1570 זיינען נישט ווייניק פון זיי אויסגעשטאָרבן פון אַ מגיפה״.

לויט די פאַרבליבענע אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון די שטייערן, וועלכע ס׳האָבן געצאָלט די שטאָטישע איינוווינער אין דער בעלזער וואָיעוודסטווע, האָט טישעוויץ געציילט אין יאָר 1630:

קריסטן 1140, הייזער — 190. צאָל יידן — 280, קליינע הייזער — 10, גרויסע הייזער — 2.

.7

פריער — אַ שטאָט, איצט אַ דאָרף דאָס זיצאָרט פון דאָרפישן נאַציאָנאַל־ראַט אין טאָמאַשאָווער פאָוויאַט, ליגט אויף דער הוטשווע, אַ צופלוס פון טייך בוג, 26 קילאָמעטער צפון־מזרחדיק פון טאָמאַשאָוו לובעלסקי, נאָענט פון דער קליינבאַן־ליניע לאָשטשעוו־הרוביעשאָוו און קרייצוגגען פון צווייטראַנגיקע וועגן קיין זאַמאָשטש און טאָמאַשאָוו.

טישעוויץ האָט אין יאָר 1453 באַקומען פון די מאַזאָווישער פירשטן שטאָטישע רעכט, וועלכע האָבן ביז יאָר 1462 אַרענדירט די בעלזער ערד אַלס וואַסאַלן־אָפּצאָל פאַר די פוילישע קיניגן. די אנטשטייונג פון שטאָט און איר אַנטוויקלונג האָט אוודאי אַ שייכות מיטן אויפלעבן די האַנדלס־וועגן פון לעמבערג דורך טישעוויץ אין דער ריכטונג פון פויזן און וראָצלאַוו. דעריבער האָט טישעוויץ באַקומען אַ באַדייטונג אַלס האַנדלס־צענטער אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1578 האָט די שטאָט געציילט 84 הייזער און 420 איינוווינער.

אין טישעוויץ איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַוואָפנטע קאָנפעדעראַציע קעגן די שוועדן. פון די מלחמות אין 17 יאָרהונדערט, איז די שטאָט אַרויס אַ פולשטענדיק חרובע אין יאָר 1655 און ווידער געקומען צו זיך ערשט אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1810 האָט די שטאָט געציילט בלויז 1,704 איינוווינער, אָבער אין יאָר 1886 זיינען שוין געווען 4,910 איינוווינער.

די איינוווינער האָבן זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט און אין האַנטווערקעריי האָט דאָס וויכטיקסטע אָרט פאַרנומען שוסטעריי און די אויסאַרבעטונג פון פעלצן. אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָט טישעוויץ אָנגעווירן די שטאָטישע

רעכט און אַלס ישוב, הויפּטזאַכלעך פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער, דערגאַנגען ביז דער איצטיקער צייט.

אין דער תקופה פון דער דייטשער אָקופּאַציע (1939—1945), איז טישעוויץ פּשוט צעקלאַפּט געוואָרן. די באַפעלקערונג איז אין דער גרעסטער מערהייט געוואָרן אומגעבראַכט, די געבליבענע פאַרברענט (אַ 60%), אַזוי אַז אין יאָר 1959 האָבן זיך דאָרט געפונען אַ 950 איינוווינער, דער עיקר — פּויערים; פון די מלאכות האַלט זיך אויף, טראַדיציאָנעל, דאָס שוסטעריי.

.8

אין דער תקופה פון דער רעפּובליק — אַ שטעטל אין דער בעלזער וואָיעוואודסטווע, בוגער ערד. כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל איינוווינער, האָט דער קיניג זיגמונט אַוגוסט געגעבן אין יאָר 1565 די יידן אַ ריי פּריווילעגיעס, דערלויבט זיי קויפן און פאַרקויפן הייזער אין דער שטאָט און אויסער איר, געניסן פון פרייען האַנדל, פאַרנעמען זיך מיט ברויעריי (קאָכן וויין) און האָבן אַלע רעכט, וועלכע עס האָבן די שטאָטישע בירגער (מעשטשאַנעס).

די יאַרידן דאַרפן פאָרקומען יעדן דינסטיק, נאָר מ׳קאָן זיי איבערטראָגן אויף אַנדערע טעג, אויסער שבתים, ווייל עס וואָלט געשאָדנט יידן.

אין יאָר 1570 האָט אַ מגיפה געטויט אַ סך יידן. לויט דער לוסטראַציע (ציילונג) אין יאָר 1571, זיינען געבליבן לעבן 31 פּערזאָן.

אין יאָר 1583 איז אין טישעוויץ פאָרגעקומען דער ועד פון פינף לענדער (ליטע האָט נאָך נישט געהאַט קיין באַזונדערן ועד), וועלכער האָט באַשלאָסן בנוגע דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה און פרייען אויסוואַל פון רבנים.

אין 17טן יאָרהונדערט האָט טישעוויץ געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות וואָס האָט דערפירט די שטאָט צו אַ ירידה.

לויט דער פאָלקסציילונג אין יאָר 1765, האָט דאָס שטעטל געציילט 925 יידן. פאַר דער רעכט צו האַלטן דעם ראַבינאַט, האָבן די יידן אַריינגעטראָגן אַ יערלעכן אָפּצאָל פון 666 זלאָטעס מיט 20 גראָשן.

אין יאָר 1856 האָבן געוווינט אין טישעוויץ 1669 קריסטן, 940 יידן. לויט דער פאָלקסציילונג אין יאָר 1895 — 2201 איינוווינער, דערפון 1898 יידן.

.9

טישעוויץ — אַ ישוב אין לובלינער גובערניע, טאָמאַשאָווער אויעזד, אויפן טייך הוטשווע, צופלוס פון מערבדיקן בוג. 5,002 איינוווינער, באַדייטנדיקער האַנדל, 2 דאַמף־מילן, אַ פּאָסט־און טעלעגראַף־אַמט.



.10

טישעוויץ — אַ דאָרף, פריער אַ שטאָט, טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט, לובלינער וואָיעוודסטווע. ליגט אויפן טייך הוטשווע, לינקער צופלוס פון בוג. נאָענטסטע באַן־סטאַציע — טוטשאַפּע, אויף דער שמאָל־רעלסיקער ליניע ווערבקאָוויץ—לאָשטשעוו, ווייט 4,5 קילאָמעטער פון ישוב; אויסער דעם — אויטאָבוסן־פאַרבינדונג מיט זאַמאָשטש. דער נאָמען פון ישוב, דערציילט די אָרטיקע טראַדיציע, שטאַמט פון „טושעווצע" („דאָ — שוסטערס"). די באַפעלקערונג פון טישעוויץ האָט פון לאַנג זיך באַשעפטיקט מיט גאַרבירן לעדער און שיך־אויסאַרבעטונג. טישעוויץ איז אויך באַקאַנט פון דער קאָנפעדעראַציע קעגן די שוועדן אין יאָר 1665, בעת דער שוועדישער אינוואַזיע אויף פוילן.

.11

## אומקום פון דעם יידישן טישעוויץ

פאַרן קריג — 3,800 יידן. אין מערץ 1941 — 1780 יידן (1690 אָרטיקע, 90 צוגעקומענע). אין סעפּטעמבער 1941 — 2,090 יידן. אין אַפּריל 1942 — 2,050. אין יוני 1942 — 1,090.

אין יאָר 1941 איז פאָרגעקומען אַן אויסזידלונג פון לובלינער יידן.

דעם 25סטן מאַי 1942 האָט מען פון טישעוויץ קיין בעלזשעץ אויסגעזידלט 580 אָדער 800 יידן...

# צוגאָב־מאַטעריאַלן וועגן טישעוויץ

## (צונויפגעזאמלט פון יוד זאיען)

אויסצוג פון דער פאָרש־אַרבעט „גביות עדות אין שאלות ותשובות" פון זלמן רובאשאָוו (שז"ר, נשיא פון ישראל) געדרוקט אין היסטאָרישע שריפטן באנד 1 ייוו"א, ווילנע. שאלות ותשובות מהר"ם מלובלין — ספר „מנהיר עיני חכמים" (געדרוקט אין ווענעציע שע"ה—1618). נומער 115 (אונדזער אויסלייג) שהעיד כמר משה בר׳ יעקב ז"ל: אַזוי האָבן כמה פעמים קאָזאַקן געזאָגט זיי גאָט געקלאָגט דאָס דער ריצער דער יהודי ברכה (בערקאָ) אזוי שייצלעך אוועקקומען איז. מען האָט אים מיט דען קארדעס צעהאקט און צעשטאָכן.

116 — וז"ל העד: דאָ איז ארויסגעשפּרונגען אויס אונדזער חיל איין יהודי דער האָט געהייסן ברכה בן הק"ר ר׳ אהרן מטישיוויץ. . . און זיין פאָטער האָט געדינט

צווישן זיי אין דעם חיל אויף ג׳ סוסים. דאָ איז ער געשפּרונגען אויף זיין סוס ב׳ ג׳ פּעמים כסדר המלחמה״ (—געבראכט אויך אין יעוור. סטאַרינע 1909 ב, 1, און פון ב. צ. כץ אין זיין לקורות היהודים ברוסיה ז. 46, ווו ס׳איז ריכטיק פעסטגעשטעלט דאָס יאָר שע״א 1611)

נומער 126 — שו״ת ב״ח הישנות סימן נז׳ (— ר׳ יואל סירקיש, לובלין שכא׳ 1561 — ת׳ — 1640)

———מיר יא׳ בעלי־בתים זיין אים חיל געוועזן איז אַרויסגעשפּרונגען איין יהודה ברכה ב״ה קדוש אהרון מטישיוויץ. האָט געדינט אויף ג׳ סוסים איז געשפּרונגען צו חיל מאסקאוויטער ב׳ וג׳ פעמים כסדר המלחמה... ע״כ תורף העדות שקיצרתי מגוף העדות שהאריך בספור דברים דהעד הנ׳ בפני ב״ד דק״ק פלוריינוב ביום ב׳ כ״ה כסלו שע״ד.

באַמערקונג פון רעדאַקציע:

אויפן אַלטן בית עולם אין טישיוויץ איז לעבן דער גרויסער מצבה פון די צוויי סוחרים געשטאַנען אויך אַ מצבה וואָס מ׳האָט שוין קוים געקענט לייענען „הקדוש ר׳ אהרון קאָזאַק״. עס האָט געהייסן, אַז ער זאָל האָבן געלעבט אין די צייטן פון כמעלניצקי־אויפשטאַנד... לויט די תשובות קומט אויס, אַז ער און זיין זון האָבן געדינט אין פּוילישן מיליטער מיט יאָרן פריער.

# נעמען פון מחברים און רבנים

מחבר פון אַ פירוש אויפן ספר „בחינת עולם״ — — — זע שער בלאַט.

אין דער רשימה פון מחברים און רבנים אין זאַמאָשטש פון יעקב דב מנדלבוים, געדרוקט אין פּנקס זאַמאָשטש ווערן דערמאָנט:

נומער 14 — ר׳ בנימין בן זאב בכר דוד מחבר פון ספר „בן אוני״ ברענגט אין דער הקדמה דברי תורה פון זיין זיידן „המפורסם החכם השלם אהרון מטישייויץ שנפטר בק״ק טורבין בר״ח כסלו ביום שבת קודש בשנת תע״א לפ״ק.

31 — צווישן די בעלי הסכמות אויפן ספר יד צבי־שלום איז דאָ די הסכמה פון ר׳ משה יעקב חופ״ק טישיוויץ ז׳ מנחם אב תרל״ט.

— 55 — דער מחבר פון ספר „פני ארי׳ זוטא״ פאַרענדיקט זיין הקדמה: כה דברי ההתנצלות ועתירות הקטן ארי׳ ליב בהאלוף הר״ר אברהם קורדיווירא זצ״ל מילדי ק״ק טישיוויץ הנקרא ר׳ ליב טאַרטשינער ע״ש ארץ מגורי שהיה מקדם בק״ק טארטשין בגליל וואלין זל״ע בק״ק זאַמאָשטש.

75 — אין ספר „תפארת צבי״ על חלק אבן העזר פון הרב מו״ה צבי הירש (בישקא) זצוקלה״ה פון זאַמאָשטש איז דאָ די הסכמה פון ר׳ דוד וואהל, אבדק״ק טישיוויץ, חתן נכד המחבר. אין די הערות ווערט דערמאָנט, אַז דער מחבר איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען רב אויך אין טישיוויץ. דאָס ספר איז דערשינען אין תרכ״ו.



הרב ר׳ ליבוש אדאמאשיק ז״ל (קאזשאָנע רב) מחבר פון ספר „גן רוה״ פירוש אויף „פרי מגדים״. פאַרלאָזט טישיוויץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. געווען פאַררעכנט ווי אַ משכיל. מו״צ ודיין ר׳ יעקב גינזבורג ז״ל, נפטר געוואָרן ז׳ אייר תרס״ז, מחבר פון ספר „זכרון יעקב״, פירוש אויפן פרי מגדים פון יורה דעה, הלכות מליחה, בשר והלב און תערובת.

הדרשן פנחס נטע גינצבורג ע״ה בן הרב הגאון ר׳ יעקב גינזבורג ז״ל, מחבר פון אַ ספר דרשות „דער ווינשטאק״ — „הגפן תתן פריה״. ווארשא תר״ץ. אַ באַוווסטער מטיף און פאָלקס־רעדנער. זיין איינפלוס אויף דער שטעטלשער יוגנט אין אַ געוויסן פעריאָד ווערט קינסטלעריש געשילדערט פון יעקב זיפער אין בוך „צווישן טייכן און וואַסערן״.

הרב רבי שמשון ז״ל — נפטר געוואָרן אין דער מגיפה אין דער צווייטער וועלט־ מלחמה.

הרב ר׳ ארי׳ (ר׳ ארטשעלע) השי״ד, זון פון ר׳ שמשון ז״ל, לעצטער רב פון טישיוויץ.

רבי אברהם שטערן ז״ל שו״ב ומו״צ, מחבר פון די ספרים „עדות בישראל״, חידושים אויף ש״ס בבלי וירושלמי, „קבוצת כתבי אגדה״, זאַמלונג פון בריוו צו די קינדער אין יידיש און לשון קודש מיט חידושי תורה און אָפּרופן וועגן טאָג־טעגלעכע פּראַגעס, ווי אויך אַ שלל פון פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, „חוטים משולשים״ — חסידישע מעשיות און חידושים אין לערנען. אַלע אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע ווו ער איז נפטר געוואָרן ח׳ אדר תשט״ו.

יעקב זיפער־שטערן, זון פון ר׳ אברהם און גיטל שטערן, ע״ה, געבוירן אין שעברעשין. דערצויגן געוואָרן אין טישיוויץ. זינט 1925 אין קאַנאַדע. פּראָזאַיקער, לערער און פאַרוואַלטער פון דער פרץ־שולע אין מאָנטרעאָל, אַרויסגעגעבן ביז איצט אין יידיש און אין עברית אין אַן אייגענער באַאַרבעטונג: „געווען איז אַ מענטש״, פינף מעשיות וועגן בעש״ט; אין עברית: „איש היה בארץ״; „אויף יענער זייט בוג״; אין עברית: מעבר לנהר בוג, „צווישן טייכן און וואַסערן״; אין עברית: בין נהרות ונחלים; און אַ פּאָעמע „כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען״. ער דרוקט אויך דערציילונגען און אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע, פּעדאַגאָגישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס אין די אָנגעזעענסטע יידישע און העברעישע זשורנאַלן. געקראָגן צוויי ליטעראַטור־פּריזן פאַר דערציילונגען געדרוקט אין „צוקונפט״ ניו־יאָרק און „די גאָלדענע קייט״, תל־אביב.

יחיאל שטערן, זון פון ר׳ אברהם און גיטל שטערן ע״ה, לערער און פאַרוואַלטער פון יידישע שולן אין קאלגארי און עדמאנטאן, הויפּט־לערער פון דער פרץ־שולע און פאַרוואַלטער פון יידישן לערער־סעמינאַר אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. געשריבן וויכטיקע אַרבעטן וועגן יידישן חינוך און אַרויסגעגעבן די גרונטיקע פאָרש־אַרבעט „חדר און בית המדרש״ פאַר וועלכן ער האָט געקראָגן דעם „לאַמעד־פּריז״ פאַר ליטעראַטור.

שלום שטערן, זון פון ר׳ אברהם און גיטל שטערן ע״ה. פּאָעט און עסייאיסט און לערער. וווינט אין קאַנאַדע פון 1926 אָן. אַרויסגעגעבן ביז איצט זיבן ביכער זאַמלונגען